# נקדישך

די אומשאצבארע **סגולה** און די געוואלדיגע **מעלה** פון **נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון י״ח

## פארברייטערט דעם עזרת נשים...

אין די שפעטערע יארן פונעם סאטמארן רבי'ן זצוק"ל בעל ברך משה, ווען דער רבי איז שוין געווען אבד"ק סאטמאר, האט ער כסדר מעורר געווען איבער קדושת ביהמ"ד, בפרט אין די דברי תורה בימי החנוכה. דער רבי האט געשריבן פארשידענע בריוו איבער דעם ענין פאר אנ"ש בכל מקומות מושבותיהם, און באזונדער פאר תלמידי תשב"ר.

עס דערציילט נכדו הגה"צ רבי חיים הערש מייזליש שליט"א ר"מ ישיבת מהרי"ט ב"ב, אז עס איז אמאל געקומען צום רבי'ן א איד מחסידי סיגעט אין ב.פ. וועלכער האט נאכנישט געהאט קיין בן זכר, און ער האט שטארק מפציר געווען און איינגעריסן אז דער רבי זאל אים מבטיח זיין אז ער וועט האבן א בן זכר.

האט אים דער רבי געזאגט 'איך ווייס אז דו ביסט נישט נזהר צו רעדן ביים דאווענען, דו שמועסט ארום אין ביהמ"ד בשעת דער ציבור דאווענט, און דו ווילסט האבן א אינגל וואס דארף זיך אויסלערנען פונעם טאטן ווי אזוי צו דאווענען?!'....

דער איד האט פארשטאנען אויפן ווינק, און ער האט מקבל געווען אויף זיך מער נישט צו רעדן ביים דאווענען, און ער איז טאקע געהאלפן געווארן מיט א אינגל.

עס איז געווען א תקופה ווען אין ביהמ"ד אין ב.פ. האט זיך געמאכט א קבוצה וואס האבן געשמועסט ביים דאווענען, זיי זענען געזעסן אין ווינקל ביי די זייט פון די עזרת נשים, האט דער רבי שארף מעורר געווען דערויף, זאגנדיג בדרך הלצה 'די גאנצע זייט איז שוין דער עזרת נשים, ווייל די גמרא זאגט (קידושין מ"ט ע"ב) עשרה קבין שיחה ירדה לעולם תשעה נטלו נשים', אז זיי שמועסן ביים דאווענען איז דאס גאנצע אן עזרת נשים.

דער רבי פלעגט דערציילן מיט הערצה פון זיינע זכרונות אלס קינד אין סיגעט, אז דארט איז געווען א חשוב'ער איד ר' אלי' שווארץ ע"ה וואס ער איז געווען ממונה אין ביהמ"ד אין סיגעט אכטונג געבן אז מ'זאל נישט רעדן ביים דאווענען, און אז מ'זאל נאכזאגן אמן. דער רבי פלעגט דערציילן אז איינמאל האט מען אים נישט געפאלגט איז ער געגאנגען צום עצי חיים זיך אפרעדן אז דער רב זאל טון דערין, האט אים דער עצי חיים געזאגט "וואס זאל איך טון אז איך הער נישט" מיינענדיג צו זאגן אז בשעת ווען ער דאוונט הערט ער נישט און ער באמערקט נישט וואס עס טוט זיך אין ביהמ"ד.

אויף זיין מציבה אויפן בית החיים אין סיגעט שטייט אויפגעשריבן "בעל עניית אמן".

(מו"ה יודא שטיינמעטץ הי"ו - זקניך ויאמרו לך)

## די גרינדונג פון בארדיטשוב

ס'איז באקאנט אז די אויפבוי פונעם שטאט בארדיטשוב איז צושטאנד געקומען אדאנק די ענין פון תפילה בדביקות ובכוונה פונעם הייליגן צדיק הרה"ק רבי ליבער מבארדיטשוב זי"ע. ומעשה שהי' כך הי': די אָרט וואו ס'איז אויפגעבויעט געווארן די באריהמטע שטאט בארדיטשוב איז דאן געווען א וואלד, און הרה"ק רבי ליבער האט זיך געפירט צו גיין אין וואלד אריין יעדע אינדערפרי און אוונט. דארט האט ער געהאט א באשטימטע פלאץ וואו ער פלעגט שטיין און דאווענען צום אויבערשטן.

אמאל אין די צייט ווען רבי ליבער איז געשטאנען און געדאווענט אנגעטון מיט זיין טלית און תפלין, איז א פריץ אריבער געפארן נעבן אים, און די פערד זעהענדיג דעם צדיק, האבן זיי זיך זייער דערשראקען, און זיי האבן זיך צעווילדעוועט און אנגעהויבן צו שפרינגען אזש די רייטוואגן האט זיך כמעט איבערגעדרייט. די באדינערס פונעם פריץ - די קאזאקן, האבן זייער שווער געארבעט צו האלטן די וואגן אין די ראמען און צו בארוהיגען די פערד. דער פריץ איז געווארן זייער אויפגעברויזט פון דעם געשעהעניש, און ער האט באפוילן פאר די קאזאקן אז זיי זאלן אנשמייסן רבי ליבער. די קאזאקן האבן גענומען גרויסע גראבע שטעקענעס און זיי האבן אריינגעשמיסן אין רבי ליבער אהן קיין רחמנות, ביז ס'האט זיך גענומען רינען פון אים פיהל בלוט...

די גאנצע צייט איז רבי ליבער געווען איינגעהילט אין זיין הייליגע עבודה, און ער האט זיך בכלל נישט גערירט פון פלאץ. די קאזאקן האבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם, און זיי האבן געזאגט פאר'ן פריץ: "וויאזוי קען דען זיין אזא זאך אז מיר זאלן אזוי אנשמייסן א מענטש, און ס'רינט פון אים בלוט, און ער שווייגט?! דאס קען נישט זיין א מענטש...!"

דער פריץ איז אהיים געפארן, און קורצליך נאכ'ן אנקומען אהיים האט ער זיך געשפירט זייער שוואך, ביז ער האט זיך ממש נישט געקענט רירן זיינע הענט און זיינע פיס, און ער איז געלעגן צוגעבינדען צו זיין בעט נישט קענענדיג ארויסקומען און גיין אויף זיינע פיס. גלייך האט מען געשיקט רופן א דאקטער, וועלכע האט נאכ'ן אונטערזיכן דעם פריץ באשטימט אז ער איז נישט באקאנט מיט'ן מחלה וועלכע האט באטראפן דעם פריץ, און ער האט נישט די מעגליכקייט אים אויסצוהיילן.

די קאזאקן האבן דערציילט פאר'ן אָ רטיגן ארענדער די מעשה וועגן דעם איד וועמען זיי האבן לויט'ן באפעהל פונעם פריץ אנגעשלאגן ביז זיין בלוט האט זיך געגאסן ווי וואסער. אזויווי דער ארענדער האט דאס געהערט האט ער זיי געזאגט: "געוואלד! וואס האט איר געטון?! דאס איז דאך אונזער מגיד וואס ער גייט יעדן טאג אין וואלד כדי צו דאווענען! איר זאלט וויסן אז דער פריץ וועט זיכער נישט אויסגעהיילט ווערן ביז ווען ער וועט גיין צום מגיד, און אים בעטן אז ער זאל אים מוחל זיין".

הרה"ק רבי ליבער איז געלעגן אין בעט מיט גרויסע יסורים, און דער פריץ האט געשיקט א גרויסע דאקטער אים אויסצוהיילן. ווען דער פריץ האט איבערגעבעטן רבי ליבער, האט אים רבי ליבער געזאגט: "איך וועל דיר נישט מוחל זיין נאר אויב דו וועסט אויפבויען א גרויסע שוהל ביי דעם פלאץ אינעם וואלד וואו איך בין געשטאנען און געדאווענט. נאר אויב דו וועסט דאס טון, וועסטו געזונט ווערן". אזוי האט דער פריץ טאקע געטון, ער האט געבויעט א גרויסע שוהל און אויך האט ער דערנעבן געבויעט א הויז פאר דעם צדיק, און דער פריץ איז אויסגעהיילט געווארן פון זיין קרענק.

שפעטער איז דער פריץ נאכאמאל געקומען צו רבי ליבער און ער האט אים געפרעגט: "וואס נאך איז אייער געבעהט? זאגט מיר וואס אייער הארץ באגערט, און איך וועל אלעס ערפילן!" האט אים רבי ליבער געענטפערט: "דו זאלסט אנהייבן בויען א שטאט נעבן דעם שוהל". דער פריץ האט אזוי געטון, און דער שטאט בארדיטשוב איז באזעצט געווארן אין די יאר תנ"א. און הרה"ק רבי ליבער האט געזאגט אז די שוהל איז פונקט אקעגן די "שער השמים" וואו די תפילות ישראל גייען ארויף אין הימל. (צרור החיים)

פאר הערות אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים שיקט אן אימעיל צו: GilyonNakdishoch@gmail.com